גליון

# מאר הזמן

## ~ אידיש ~

## אלול תשפ"ה

מאמר: א'ת ל'בבך ו'את ל'בב;
מסירת הנשמה פארן הייליגן
באשעפער

## מאמרי כ"ק מרן
## אדמו"ר שליט"א



יצא לאור
על ידי מערכת פנים
מאירות סיקסא

## מערכת פנים מאירות
## מכון להוצאות שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

## יכולין לשמוע השיעורים:
## בקול פנים מאירות

ארה"ב: -845-414-8211
845-414-0076
א"י: 072-370-1823
ענגלאנד: 0330-350-3190
ארגענטינע: 5411-2152-7691
אנטווערפן:323-346-0673

## לקבל הגליון ושאר גליונות מהמערכת יפנו:
## gilyonospm@gmail.com
## גם יכולין לשמוע השיעורים על: קול הלשון/פנים מאירות

# א׳ת ל׳בבך ו׳את ל׳בב

## מסירת הנשמה פארן הייליגן באשעפער

ליל שישי פרשת שופטים תשפ״ג

#### עס איז אלול מען דארף זיך אריינטיפן אין הארץ

עס איז דא די באקאנטע תשובה פון דעם צאנזער רב זי״ע (יו״ד תשובה ל״ג), דער הייליגער צאנזער רב ענדיגט די תשובה ולפלפול שכתב כבוד תורתו אין מקום לדינא בזה כאשר כתבתי בשם הצ״ץ ז״ל ולפלפולא בעלמא אין הזמן גורם׳, די צייט איז נישט קיין גוטע צייט פאר פלפולים, ׳כי צריך לבדוק חדרי משכיות לבב בימים האלו - אלול תרי״ז׳, עס איז אלול, עס איז אלול תרי״ז, ער זאגט אז עס איז נישט די צייט צו מאכן פלפולים, ער קען פסק׳נען הלכה למעשה, וויבאלד ער דארף אריינקוקן אין זיין הארץ, אין די טיפעניש פון זיין הארץ, עס איז נישטא קיין צייט פאר פלפולים.

#### אין איין שעה חודש אלול קען מען מער אויפטון ווי א וואך אין גאנצן יאר

עס איז דא די באקאנטע ווארט פון צדיקים: אין איין שעה אין חודש אלול קען מען מער אויפטון ווי סתם א חודש אין יאר אין א וואך. ׳שעה׳ איז א לשון פון ׳קער׳. אין חודש אלול איז מיט איין קער צום אייבערשטן קען מען מער אויפטון ווי דורכ׳ן יאר אין א וואך און א חודש.

מען זעט אין די ספרים הקדושים, אז פונקט די חלק פון די יאר רעכנט מען כסדר אויס וויפיל טעג עס איז דא צו הושענה רבה און אזעלכע מיני זאכן, דאס איז טאקע פארוואס פונקט די צייט אין יאר רעכנט מען כסדר די טעג און שעה׳ן, וויבאלד די שעות אין די טעג, זענען טייערערע שעות.

#### די קומענדיגע יאר הבעל״ט וועגד זיך אין די טעג און שעות פון חודש אלול און תשרי

עס איז דא א הפלא׳דיגע ׳בן איש חי׳ אין פרשת לך לך, אברהם אבינו זאגט פאר לוט ׳הפרד נא מעלי׳, ׳נא׳ איז גימטרי׳ 51, דאס איז מרמז פאר די 51 טעג פון ראש חודש אלול ביז הושענה רבה, זאגט ער אז דאס איז א סימן פאר די ימי תשובה, און איינער וואס איז נזהר אין די טעג איז בטוח אז ער גייט נישט ווערן נכשל פון די יצר הרע א גאנץ יאר. אבער טאמער ווערט ער יא נכשל, קען שטארק ארויסקומען אז מען זאל יא זינדיגן דורכאויס פון די

יאר, וויבאלד די טעג איז אזויווי די לב און די מח פון די מענטש, טאמער גייט מען דורך די טעג גוט, איז מען גוט א גאנץ יאר.

דאס איז טאקע פשט, 'הפרד נא מעלי', שייד דיך אפ די 51 טעג פון נכשל ווערן אז דו זאלסט נישט זינדיגן, וויבאלד אין די טעג 'הימין' ווערסטו זיך שטארקן, 'השמאל' ווערסטו א גאנץ יאר זיך מתגבר אויף די 'שמאל', אבער טאמער חלילה די 'שמאל' איז זיך מתגבר וואס גייט זיין מיט די רעכטס, דאס מיינט אז אין חודש אלול פון דעם יאר, ארבעט מען צו תשובה טון אויף די דאזיגע יאר, און מען גרייט זיך צו אויף קומענדיגע יאר, די כח וואס מען לייגט אריין, די שמירה און די התקרבות צו הקב"ה, אזוי גייט אויסקוקן די גאנצע יאר.

#### וואס איז קרית שמע א גרעסערע מצוה ווי אלע מצוות התורה?

דער 'שם משמואל' ברענגט אין פרשת שופטים א הפלא'דיגע רעיון אויף די ענין פון נסיונות און מסירת נפש. דער שם משמואל האט נישט געלעבט אין אמעריקע, ער האט נישט געוואוסט אז מסירת נפש מיינט אז מען האט אנגעטון א טלית קטן, מען לייגט תפילין איז עס מסירת נפש, דער שם משמואל רעדט פון אן אנדערע סארט מסירת נפש. עס שטייט די וואך אין די פרשה, אז דער 'משיח מלחמה' האט געזאגט: 'שמע ישראל אתם קרבים היום למלחמה על אויבכם', זאגט רש"י, אז אפילו זיי האבן נישט געהאט קיין שום זכות, נאר די זכות פון קריאת שמע וועלן זיי מנצח זיין די מלחמה. פרעגט דער שם משמואל, וואס איז קריאת שמע אנדערש פון אלע אנדערע מצוות?

#### מיט וואס איז די נסיון פון מילה א גרעסערע נסיון פון די פריערדיגע?

ער פרעגט נאך א קשיא. די עשרה נסיונות וואס אברהם אבינו איז דורכגעגאנגען, בפשטות איז ער ארויף מדריגות, און יעדע נסיון איז געווען א דרגה העכער, קודם די כבשן האש, דערנאך מלחמת מלאכים און דערנאך מילה. פרעגט ער: מילה איז א גרעסערע נסיון פון גיין אין מלחמה מיט פינף קעניגן? מילה איז א גרעסערע נסיון ווי זיך אריינווארפן אין א קאלער אויוון? פארוואס איז מילה א גרעסערע נסיון ווי די כבשן האש, אז עס זאל זיין פון די לעצטע פון די נסיונות?

#### אברהם אבינו האט געגליסט צו זיין איינס מיטן באשעפער

דער הייליגער באשעפער זאגט ביי די מצוה פון מילה 'והתהלך לפני והיה תמים', וואס מיינט תמים? תמים תהיה עם ה' אלוקיך, רש"י זאגט אבער, אז עס מיינט 'תמים יהיה לחלקו'. ווען דער הייליגער באשעפער האט געזאגט פאר אברהם אבינו ער זאל זיין תמים, האט ער געמיינט צו זאגן אז 'תמים יהיה לחלקו'. זאגט דער שם משמואל: אברהם אבינו וואס האט זיך מוסר נפש געווען פארן אייבערשטן קעגן די גאנצע וועלט, וואס איז געווען זיין

גלוסטעניש צו די העכסטע מדריגה וואס ער האט געקענט צוקומען? 'תמים יהיה לחלקו' זיין מיט'ן אייבערשטן איינס, ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט אז ווען ער גייט זיך מל'ן גייט ער זיין איינס מיט'ן אייבערשטן, וואלט אברהם אבינו געדארפט לויפן טון די מילה, אז ענדליך איז ער אנגעקומען צו די מדריגה וואס ער האט געוואלט. אבער ניין! ער גייט צו ענר אשכול און ממרא זיך דורכשמועסן, וואס האט אברהם אבינו דורכגעשמועסט? וואס איז די שאלה?

#### אברהם אבינו האט נאך געוואלט האבן א קשר מיט וועלט

ברענגט דער שם משמואל פון זיין טאטע דער אבני נזר, אברהם אבינו האט טאקע געוואלט זיין די נאנסטע צום אייבערשטן, אבער ער האט אויך געוואלט האבן א קשר מיט די וועלט, צו קענען מאכן גרים, דורכ'ן זיך נישט מל'ן האט ער געהאט פסולת צו קענען מאכן א קשר מיט די וועלט און מאכן גרים, ער האט געוואוסט אז טאמער שניידט ער אפ די פסולת, גייט ער נישט קענען מאכן א קשר מיט די וועלט. ממרא האט אים אבער געזאגט, דו האסט זייער א גוטע חשבון, אבער ווער האט דיר געהייסן זיך מל'ן? דער אייבערשטער! און ווען דער אייבערשטער הייסט, פרעגט מען נישט קיין קשיות.

וואס איז פשט? אברהם אבינו האט עס אויך געדארפט וויסן? אלא מאי, אברהם אבינו האט געקענט באשטיין אוועקצוגעבן די 'עמו לחלקו' כדי צו קענען משפיע זיין אויף אידן, דאס איז געווען די גרויסע נסיון. אז נאך אזויפיל זיך אוועקגעבן אנצוקומען צו די 'עמו לחלקו' האט ער מסכים געווען עס אוועקצוגעבן צו משפיע זיין אויף די וועלט. דאס איז געווען די גרויסקייט פון די נסיון קעגן די פריערדיגע נסיונות. ווען מען ווארפט זיך אריין אין פייער פאר'ן אייבערשטן, אדער מען גייט אין מלחמה פאר'ן אייבערשטן, שטארבט מען גראד און מען גייט ארויף אויסגעלייטערט, אבער ביי מילה האט ער מסכים געווען צו בלייבן אויף די וועלט מיט א קליפה פסולת, אויף צו קענען משפיע זיין דעם אייבערשטן אויפ'ן וועלט.

#### די ריכטיגע מסירת נפש - זיין גרייט צו פארלירן אויך די נשמה

עס איז דא א פסוק 'ואני קרבת אלוקים לי טוב'. יעדער וויל האבן 'קרבת אלוקים', אבער ער קען באשטיין, אז מען זאל אויך האבן 'זיך' מען האט אויך זיך אינזין. אברהם אבינו האט געוויזן מיט די מצוה פון מילה אז ער מיינט גארנישט זיך. אזוי זאגט מען אויך ביי קריאת שמע 'ואהבת את ה' אלוקיך... בכל נפשך' פארוואס נישט 'בכל גופך'? וויבאלד טאמער זאגט מען 'בכל גופך', ווייזט מען ווייטער אז מען מיינט זיך, ווען מען זאגט 'נפשך' ווייזט מען אז מען מיינט גארנישט זיך, מען קען באשטיין צו פארלירן די נשמה פאר'ן אייבערשטן, אפילו יענע וועלט, אלעס איז מען מסכים צו פארלירן פאר'ן אייבערשטן.

ער ברענגט, יהושע האט געשיקט די מרגלים זיי זאלן קוקן וויאזוי ארייינצוגיין קיין ארץ ישראל, זענען זיי אנגעקומען צו 'בית רחב הזונה', רחב מאכט אומריין, אזוי ברענגט די גמרא. פארוואס זענען זיי געגאנגען צו אזא פלאץ? זאגט ער, אז זיי האבן אלעס געקענט באשטיין צו פארלירן, אבער זיי דארפן טון זייער שליחות פאר'ן אייבערשטן. אזוי אויך פנחס, וואס איז זיין מסירת נפש? וויבאלד נאך אלע מעשיות, נאכ'ן הרג'נען זמרי בן סלוא, וואספארא נאמען באקומט ער? - רוצח. דאס איז די ריכטיגע מסירות נפש.

**טון נאר אויב מען פארשטייט, מיינט אז מען דינט זיך**

דער אור שמח, ר' מאיר שמחה, האט געהאט א גבאי וואס האט אים באדינט מורא'דיג געטריי, עס איז געווען פאר אים א גרויסע ישועה, א רב פון א גרויסע שטאט, אז דער גבאי העלפט אים אזוי שטארק ארויס.

איין טאג האט אים דער אור שמח געהייסן עפעס טון, און ער האט געהאלטן אז עס איז אן אינטערעסאנטע זאך צו טון. עס קומט צופרי, דער אור שמח פרעגט אים: דו האסט דאס געטון? זאגט ער, עס איז אן אינטערעסאנטע זאך, האט ער עס נישט געטון... דער אור שמח האט זיך גענומען שרייען, אז ער האט אים קיינמאל גארנישט געטון, און ער האט אים קיינמאל נישט באדינט!... פרעגט אים דער גבאי: וואס הייסט?! איך האב דיר אייביג באדינט אזוי געטריי, וואס גייט פאר?! ווען איך האב איינמאל נישט געפאלגט, ווער איך אזוי אריינגעוואשן?!...

זאגט אים דער אור שמח: דו האסט מיר אלע יארן אזוי געטריי באדינט, וויבאלד דו האסט געהאלטן אז עס איז נישט אינטערעסאנט. איינמאל איך הייס דיר טון אן אינטערעסאנטע זאך, טוסט עס נישט. דאס מיינט, אז דו באדינסט דיר אליינס...

דאס זאגט דער שם משמואל: דיען דעם אייבערשטן עכט, וויבאלד דו ווילסט דינען דעם אייבערשטן. געוועגליך דינט א מענטש דעם אייבערשטן, נאר וויבאלד ער וויל.

*

ר' שלום שוואדראן האט אמאל געזאגט: ווען האט איינער עכט ליב דעם אייבערשטן? א מענטש קומט אריין אין בית המדרש, ער זעט עס שטייט א בעל תפילה ביים עמוד, און ער וויל זאגן אשרי. אבער ער האט נישט קיין גארטל, און עס איז דא א תקנה אין בית המדרש, אז א בעל תפילה קען נישט דאווענען אן קיין גארטל, און קיינער געבט אים נישט אוועק דעם גארטל, וויבאלד מען קען דאך נישט דאווענען אן קיין גארטל. דאס מיינט, אז מען דינט זיך. דו קענסט מאכן א גאנצע ציבור זאל קענען

דאווענען, אויב דו געבסט אוועק דיין גארטל, פארוואס געבסטו עס נישט אוועק? וויבאלד דו דארפסט דיר דינען.

*

**ביי קרית שמע קומט מען צי צו א מדריגה פון ביטול נישט צו טראכטן פון זיך**

עס איז דא אן איסור פון צער בעלי חיים, אבער עס איז דא אמאל וואס די בהמה דארף זיך לאזן שחט'ן פאר די מענטש, דעמאלס הייסט עס נישט קיין צער בעלי חיים. דאס דארף א מענטש וויסן, אז ער ווערט בטל ומבוטל פאר'ן אייבערשטן.

וואס האט עס מיט אונז? עס איז דאך א מדריגה וואס איז אוממעגליך, די אבות האבן געקענט, פנחס האט געקענט - אבער אונז?!

זאגט דער שם משמואל, אז דאס זאגן אונז ביי קריאת שמע, און דאס איז די גדולה פון קריאת שמע, אז מען קען געווינען א מלחמה דורך דעם, אז מען קען הרג'נען א גוי, וויבאלד ווען מען לייענט קריאת שמע זאגט מען: הייליגער באשעפער, איך וויל זיין אויף א מדריגה פון נישט טראכטן פון מיר, און דער גוי וויל נישט זיין אויף אזא מדריגה.

*

מען דערציילט אויף איינע פון די צדיקים, אז אינמיטן קינות איז ער געגאנגען מאכן שלום בית. מען האט אים געפרעגט פשט דערויף? האט ער געזאגט: פארוואס זאגן אונז קינות? וויבאלד מען האט געהאט שנאת חינם, און די בית המקדש איז חרוב געווארן. נא, וואס קען זיין גרעסער ווי דעם, אז מען גייט מאכן אהבת חינם?!

*

איך פלעג דאווענען אין וויזניצער בית המדרש, עס איז געווען א שטייטע מנין, איז אמאל געקומען א באגרעניצטער בחור, ער פלעגט נישט קענען געהעריג רעדן, ער פלעגט אסאך מאל נערוועז מאכן, ער האט זיך פונקט געזעצט נעבן מיר, ער פלעגט מיר נישט לאזן דאווענען. איך פלעג טראכטן אז ער שטערט מיר פון דאווענען, איך פלעג א גאנצע צייט טראכטן אז ער שטערט מיר פון דאווענען. איין טאג האב איך געטוישט צו א צווייטער מנין, אבער ער איז מיטגעקומען מיט מיר... ביז איין טאג האב איך געמאכט א קבלה, אז איך גיי עכט דאווענען, און איך גיי נישט טראכטן פון אים. פונקט יענע טאג איז ער נישט אנגעקומען. און איך האב אפאר מאל געטראכט אינמיטן דאווענען: וואו ער איז? עס קומט נאכ'ן דאווענען, איינער גיבט מיר א קלאפ, און איך זעה אז עס איז דער בחור, און ער איז מיר געקומען זאגן א גוטן טאג... איך פרעג אים צי ער האט דא געדאווענט? זאגט ער, אוודאי נעבן דיר! איך האב אים אפילו נישט באמערקט, וויבאלד איך האב מבטל געווען די 'אנכי' פון מיר, איך האב

געהאט באשלאסן אז איך גיי מיר נישט וואוסנדיג מאכן פון אים.

*

א איד דא אין מאנסי הרה"ח ר' חיים רוזמאן שליט"א האט מיר דערציילט, דער אמשינוב'ער רבי שליט"א פון ארץ הקודש דאווענט זייער שטייט. איין שבת האט ער געדאווענט אינדערהיים. זיין טאכטער איז יענע וואך א כלה געווארן. זיין טאכטער האט אים געפרעגט, אז אירע פריינדינען קומען פרייטאג-צונאכטס ביי זיי אין שטוב, וויבאלד זי איז א כלה געווארן, האט זי געפרעגט, וואס קען זי טון אים נישט צו שטערן פון דאווענען?

האט ער איר געענטפערט, אז זי זאלווארטן 3 מינוט פון ווען ער שטעלט זיך דאווענען, און נאכדעם קענען די פריינדינען קומען, וויבאלד נאכדעם ווערט ער שוין נישט געשטערט.

הלכה'דיג איז עס אפשר נישט אויסגעהאלטן זיך אריינצולייגן אין א נסיון, אבער מען דארף ארויסנעמען פון דעם, אז מען דארף דאווענען אין אזא מדריגה, אז מען זאל ניטאמאל וויסן אז עס זענען דא פריינדינען.

*

דאס איז די ענין פון ראש השנה. די אידן און די אומות העולם איז מען דן ראש השנה, מיט וואס זענען אונז מנצח? אז אונז זאגן 'מלוך על כל הארץ בכבודך', מען זאגט נישט קיין איין ווארט ביי ראש השנה פון 'אנוכי', אפילו מען האט אינזין ביי שמונה עשרה די פרנסה, האט מען עס אינזין לעול מלכות שמים.

*

ווען מען דאווענט ערב ראש השנה די לעצטע מנחה פון די יאר האט מען א התעוררות. ביי מעריב האט מען אן התעוררות, עס איז די ערשטע מעריב פון די יאר, עס איז אן התעוררת. עס קומט 'לדוד מזמור' פשש... וואס איז? עס איז א סגולה פאר פרנסה... דער שם משמואל זאגט אנדערש: נישט אז דעמאלס וועקט מען זיך אויף וויבאלד עס איז א סגולה פאר פרנסה, נאר וויבאלד מיט דעם ווייזט מען אז די גאנצע ביז יעצטיגע דאווענען, אפילו ווען איך האב געבעטן פאר פרנסה, איז עס געווען נאר לעול מלכות שמים.

*

דער 'אהבת שלום' ברענגט אין פרשת כי תשא. עס שטייט אין פסוק 'ובלב כל חכם לב נתתי חכמה', דער הייליגער באשעפער זאגט, אז אין די הארץ פון יעדע חכם לב האב איך אריינגעגעבן חכמה. לערנט די גמרא ארויס פון דעם, אז דער אייבערשטער האט געגעבן חכמה, נאר פאר איינער וואס האט שוין חכמה. פרעגן די

מפרשים: אז איינער האט חכמה, וואס דארף ער חכמה?

ברענגט ער א מדרש תנחומא, אז א מטרניתא אחת האט געפרעגט פון רבי יוסי בן חלפתא, אז עס שטייט אין דניאל 'יהיב חכמה לחכימיה', האט זי געפרעגט, אז מען דארף דאך לכאורה געבן חכמה פאר א טיפוש?! האט איר רבי יוסי בן חלפתא געענטפערט, אז עס וועט קומען צו דיר אן ארעמאן און אן עושר, און ווילן בארגן געלט פון דיר, וועסטו ענדערש בארגן פאר'ן עושר? זאגט זי, יא, פארוואס, ווייל דער עושר וועט דאך זיכער באצאלן, אבער אן ארימאן ווייסט זי דאך נישט אויב ער וועט האבן צו באצאלן. האט ער איר געזאגט: האסטו די תירוץ.

פרעגט דער אהבת שלום: אז דו בארגסט געלט פאר אן ארימאן, האט ער נישט פון וואו צו באצאלן. אבער אז דו גיבסט חכמה פאר א טיפוש, איז ער דאך געווארן א חכם, וועט ער נישט צוגרונד לייגן די חכמה?

ברענגט ער פון ר' זכריה מענדל פון שענדינוב, א משל. עס איז דא א מלך וואס וויל געבן א מתנה, און ער זאגט פאר די מענטשן אז ער וויל געבן די מתנה, און מען זאל אים ברענגען א ציכטיגע ריינע כלי, מען וועט הערליך אויסוואשן די כלי, מען וועט עס אויסוואשן עטליכע מאל, צוליב צוויי טעמים גייט מען עס טון. נישט צו זיין א מוריד במלכות, און צו קענען באקומען די מתנה פון די מלך.

די נמשל איז: דער הייליגער באשעפער געבט חכמה, אבער ער בעט איין זאך, אז מען זאל האבן א ריינע כלי, ריינע יראת שמים, רמ"ח אברים ושס"ה גידין, אז נישט, איז די כלי נישט ריין. ממילא שטימט שוין יא די תירוץ. אז עס איז יא אזויווי אן ארעמאן, וויבאלד חכמה און טיפשות מיינט דא, צי מען האט א ריינע כלי, ער איז אן ערליכע איד, אין וואס מען קען ארייניגן חכמה, יהיב חכמה לחכימיה, אדער ער האט נישט קיין ריינע כלי. אונזער ארבעט איז פשוט וויאזוי זיך אויפצופירן, עס איז דא אמאל איינער וואס לייגט אריין גרויסע כוחות צו זיין א חכם, עס איז א שאד די צייט, מען דארף נאר וויסן וועלכע כעמיקאלן ארייננצולייגן.

א מענטש מוטשעט זיך אמאל אויף א תוספות, געוועינליך, די מהלך המחשבה פון אזא מין מענטש איז, אז ער האט א שוואכע קאפ, עס איז דא אלע מיני מענטשן, ער איז א מין מענטש, וואס פארשטייט נישט קיין תוספות... אבער אזא מענטש דארף האבן נאך א מהלך המחשבה, אז ער דארף אויסרייניגן זיין קאפ.

*

דער אמרי אמת איז אמאל געווען אין ארץ ישראל, האט ער געפרעגט די גבאי, צי עס איז דא א חתונה. זאגט אים

דער גבאי ניין. פרעגט דער אמרי אמת: אין גאנץ ירושלים איז נישטא קיין חתונה? זאגט ער: ניין, איך האב געמיינט צו זאגן, פון אונזערע קרייזן איז נישטא קיין חתונה! זאגט דער אמרי אמת: איך האב געפרעגט צי עס איז דא א חתונה. זאגט דער גבאי: גראדע איז דא איין ספרד'ישע חתונה. ביינאכט, איז דער אמרי אמת געגאנגען משמח זיין ביי די ספרד'ישע חתונה.

אינדערפרי זאגט דער אמרי אמת פאר די גבאי, אז ער האט זיך געמוטשעט צו פארשטיין א תוספות, און חז"ל זאגן דאך, אז ווער עס איז משמח חתן וכלה, איז זוכה צו תורה. איז ער געגאנגען צו די חתונה כדי צו פארשטיין די תוספות.

דאס איז אונזער עבודה, אונזער עבודה איז נישט צו זאגן, די תוספות איז געמאכט פאר דעם חת"ם סופר, איך פארשטיי נישט די תוספות. אונזער עבודה איז צו האבן די ריכטיגע כלים, און פראבירן צו טון די ריכטיגע סגולות, אז אויך מיר זאלן פארשטיין די תוספות.

*

עס איז געווען א איד ר' יודל בערגער. ער האט געוואלט עסן ביים פאניוויזשער רב די שבת'דיגע סעודה. איז ער געגאנגען פרייטאג-צונאכטס און געקלאפט אין טיר פון פאניוויזשער רב, און געזאגט, אז ער דארף וואו צו עסן די סעודה. און אזוי האט אים דער פאניוויטשער רב איינגעלאדענט צו אים צו די סעודה.

ר' יודל בערגער זאגט, אז עס איז געווען א מורא'דיגע סעודה, דער פאניוויזשער רב האט דערציילט אינמיטן די סעודה, אז ער איז געגאנגען אמאל אין אמעריקע נאך געלט פאר די ישיבה, אינמיטן האט זיך זיין צוקער צושפילט, און מען האט אים געדארפט אפשניידן די פיס. דער פאניוויזשער רב האט אבער נישט מסכים געווען צו שניידן ביז דער חזון איש וועט אויך מסכים געווען אז מען דארף שניידן די פיס. דער חזון איש האט אבער נישט מסכים געווען, האט מען טאקע נישט געשניטן די פיס.

ווען ער איז צוריק געקומען קיין ארץ ישראל, האט ער געפרעגט פונעם חזון איש, וואס איז פשט פון נישט לאזן שניידן די פיס, און למעשה זעט ער אז דער חזון איש איז טאקע געווען גערעכט, עס היילט זיך אים אויס אפילו אן דעם וואס מען האט געשניטן.

האט אים דער חזון איש געזאגט, אז ווען עס איז אנגעקומען די טעלעגראם פון פאניוויזשער רב וועגן אפשניידן די פיס, האט ער געהאלטן לערנען מסכת שבת וועגן פסיק רשיה ולא ימות, האט ער געטראכט, אז די פיס פון פאניוויזשער רב איז אזויוי א צווייטנ'ס קאפ, וויבאלד ער גייט נאך געלט א גאנצן טאג, און ער האט עס

אפגעלערנט בלשון תמיה: פסיק רישיה ולא ימות? אז מען וועט שניידן זיין פיס, וועט ער נישט שטארבן?! האט ער געזען פון דעם אז מען דארף נישט שניידן די פיס.

די מוסר השכל פון די מעשה איז, אז דער חזון איש האט אמאל געקענט זען, אז די פיס פון א מענטש, וואס איז די שוואכע חלק פון א מענטש, קען זיין די 'קאפ' פון די מענטש. די תאוות מיינט א מענטש אז דאס איז די פיס זאגט די חזון איש ניין דאס איז די קאפ פון די מענטש.

*

אין ספר 'עבודת יששכר' ברענגט ער א מורא'דיגע ווארט 'בשם צדיק אחד', אז איינער איז אריינגעקומען צו א געוויסער צדיק בעטן א מהלך אין עבודת ה', האט ער אים געזאגט א מהלך: 'וואס מען מעג נישט, טו זיכער נישט. און וואס מען מעג, דארפסטו זיך נישט יאגן עס צו טון'.

מען קען זיין הונגעריג און דארשטריק, און מען קען נאכאלס לערנען און דאווענען און טון די רצון ה'. מענטשן זאגן אלס 'אנטשולדיגט איך בין געווען הונגעריג, פארדעם האב איך געשריגן אויף דיר'. דאס איז נישט קיין תירוץ. וויבאלד ווען איז א מענטש נישט הונגעריג?... הונגער איז נישט קיין היתר, דארשטריק איז נישט קיין היתר, ווען א מענטש זאגט אז ער איז געווען הונגעריג פארדעם האט ער עס געטון, איז פשט, אז גשמיות איז זיך גובר אין דעם.

*

אין ספר 'נחל יצחק', פון ר' יצחק אייזיק זוטשקער זצ"ל, זאגט ער: קנאה קען ברענגן אין שאול תחתית, קרח האט מקנא געווען אליצפן בן עוזיאל, ער איז אריין אין שאול תחתית. קנאה איז די שורש פון גאווה. ווען דו זעסט דיין חבר אין א העכערע מדריגה, קענסטו נישט סובל זיין אז ער איז משיג עפעס וואס דו ביסט נישט משיג. אבער אז דו האסט נישט קנאה, ביסטו אין א העכערע מדריגה, וויבאלד דו האסט נישט קיין קנאה, מיט דעם ביסטו אויף א העכערע מדריגה. טייטשט ער הערליך די משנה, 'עומדים צפופים ומשתחוים רווחים', 'עומדים צפופים' ווען יעדער איינער שטייט העכער דעם צווייטן, איז מען צעקוועטשט. 'משתחוים רווחים' ווען מען ביקט זיך איינער פאר'ן צווייטן - ווערט ברייט.

ווער איז זוכה צו די מדריגות? דער וואס ער זעט זיין חבר וואס איז אויפגעוואקסן צוזאמען מיט אים, ער האט געהאט די זעלבע שוואכע בחינה ווי אים, און יענער האט געלט, אויב דער חבר מאכט די ברכה 'שעשה לי כל צרכי' מיט אן עכטע שמחה, דעמאלס איז ער זוכה צו די מדריגות.

*

הרה"ק בעל עבודת עבודה מטאהש זצוק"ל זאגט: פארוואס זענען מיר אין גלות? מען זעט ביי די 'עגלה ערופה', זאגט מען 'כפר לעמך ישראל', פרעגט דער טאהש'ער רבי וואס קומט אריין גאנץ כלל ישראל? זאגט דער טאהש'ער רבי: ווילאנג מען טרעפט נישט דעם רוצח, איז גאנץ כלל ישראל שולדיג! פרעגט דער טאהש'ער רבי: פארוואס קומט נישט משיח? וויבאלד אפילו די צדיקים וואס זענען ראוי אז משיח זאל שוין נתגלה ווען צו זיי, אבער צוליב די אנדערע אידן וואס זענען נאך נישט ראוי צו די התגלות פון משיח, צוליב דעם קומט נאך נישט משיח, פאר גאנץ כלל ישראל. א פעולה וואס א איד טוט, איז אזא אחריות, וויבאלד ער לייגט אריין גאנץ כלל ישראל אין א סכנה. זאגט דער טאהשער רבי: פון דעם וואס מיר זעען אז די עבירות וואס מען טוט, טראגט מען אזא גרויסע אחריות, איז דאך א קל וחומר, מידה טובה מרובה ממידת פורעניות, אז ווען א איד טוט א מצוה, וואס ער טוט אלס אויף.

*

דער 'בן איש חי' זאגט: שלאפן צו סאך איז שעדליך, מער פון 8 שעה שלאפן איז שעדליך, אזוי זאגט דער בן איש חי. זעקס שעה איז נארמאל צו שלאפן. דער וואס ווען ער קויפט אן אתרוג, און ער קומט פרעגן די רב, צו ער מעג על פי הלכה מאכן א ברכה אויף דעם אתרוג, אבער ער וויל נישט וויסן צי די אתרוג איז אויסגעהאלטן לכל הדיעות, דער זאל ביטע שלאפן זעקס שעה... ווייל לפי שיטת הבן איש חי, איז נארמאל צו שלאפן זעקס שעה, פארוואס נאר ביי דעם אתרוג איז דיר גענוג צו טרעפן א פוסק וואס זאגט אז עס איז כשר, און מען קען מאכן א ברכה?!...

*

א הפלא'דיגע זאך ווערט געברענגט פון דעם 'אמרי יוסף' ער האט נאכגעזאגט פון ר' אייזיק'ל זידטשובער, אז חודש אלול איז א מצוה צו עסן. אין 'זוהר הקדוש' שטייט אז ר' ייבא סבא האט נישט געגעסן ווילאנג ער איז מתפלל פאר פרנסה, און די גמרא אין שבת זאגט אז מען זאל עסן די זעקסטע שעה. זאגט ער, אז די זעקסטע שעה גייט ארויף אויף חודש אלול וואס איז די זעקסטע חודש, און דער אמרי יוסף האט צוגעלייגט אז 'בעתו' איז די אותיות 'בעת ו' - אין די זעקסטע חודש זאלסטו נישט פראווענען קיין תעניתים.

*

דער פאניוויזשער רב ז"ל האט אמאל נאכגעזאגט פון ר' ישראל סאלאנטער ז"ל, אז די תרי"ג מצוות איז געמאכט נישט צו שטארבן. און וואס איז געמאכט צו לעבן? וחי בהם אז מען לעבט מיט די תרי"ג מצוות, ווען מען זוכט א לעבעדיגע פיש און מען גייט צו

די פיש סוחר בעטן א לעבעדיגע פיש, און ער גיבט דיר א פיש וואס גוסס'ט, ווערסטו עס נישט נעמען, וויבאלד דו דארפסט א פיש וואס לעבט עכט. פארדעם דארף מען עסן חודש אלול עס זאל זיין א חיות.

חודש אלול איז נישט געמאכט אז מען ענדיגט אפ די יאר חודש אלול איז געמאכט אז מען הייבט אן די יאר מיט א חיות.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, א כתיבה וחתימה טובה פאר אלע אידן, אך טוב וחסד, אידן זאלן ליב האבן דעם אייבערשטן און עס זאל נאר זיין גוט פאר אידן.